השקל, ועי"ד ווי עס שטייט אויך פאר דערויף בנוגע צו דער מנורה (תרומה כה, מ. ובפרש"י).

ועד"ז בשעת מ'זאגט "זה מזבח לעולה לישראל", וואלט מען בפשטות געטייטשט אז דאס מיינט אז מ'האט באוויזן ווי אזוי עס דארף זיין דער עצם המזבח, און ניט דער מקום וואו דער מזבח דארף זיין.

וואס אויך בנוגע צו דער עצם מזבח זיינען דא כמה פרטים וואס זיינען מדוייק, וואס צוליב דעם איז שייך צו זאגן אז "זה מזבח לעולה לישראל" מיינט אז מ'האט באוויזן די פרטים אין דעם עצם מזבח ווי זיי דארפן פונקט זיין - ווי לדוגמא:

בנוגע צו דער גובה המזבח איז דאס געווען בשוה ביי אלע מזבחות סיי אין דער מזבח וואס משה האט געבויט, סיי אין דער מזבח וואס שלמה האט געבויט, סיי אין דער מזבח וואס די "בני הגולה" האבן געבויט, און סיי אין דער מזבח דלעתיד, ווי דער רמב"ם זאגט (הל' ביהב"ח פ"ב ה"ה); בנוגע אבער צו מדת ארכו ורחבו פון דעם מזבח, איז דא א שינוי פון די מזבחות וואס משה ושלמה האבן געמאכט מיט די מזבח וואס די "בני הגולה" האבן געבויט, און דער מזבח דלעתיד, ס'איז אבער דא איין זאך וואס גלייכט אויס מדת ארכו ורחבו פון די אלע מזבחות - אז בא אלע פון זיי איז ארכו כרחבו.

וואס דערפאר קען מען זאגן אז אין דעם איז באשטאנען דער "זה מזבח לעולה לישראל", אז מ'האט באוויזן אז דער מזבח דארף זיין ארכו כרחבו.

עד"ז איז דא נאך א פרט וואס גלייכט אויס אלע מזבחות, אז "לא תניף עליהם ברזל".

נא. וויבאלד אז מ'האט גערעדט אין דער התחלה און אין דער סיום פון הל' ביהב"ח, און ס'איז געווען דער "מתכיפין התחלה לסיומה" - זאל מען צוקומען צו דער "מתכיפין" פון דעם סיום הגלות צו דער התחלה פון דער גאולה,

צו דעם "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", בקרוב ממש ובעגלא דידן.

* * *

נב. ס'איז דאך רגיל צו אפלערנען א פסוק מיט פירוש רש"י פון פרשת השבוע, און אויך אן ענין אין די הערות אויפן זהר פון פרשתנו פון דעם בעל ההסתלקות, און אויך א ענין אין דעם פרק וואס מ'לערנט דעם שבת, לויט די "יש נוהגין" צו לערנען פרקי אבות "בכל שבתות הקיץ".

אין קאפיטל י' פסוק י"ז שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער פון פסוק "ולא יקח שוחד" און איז מפרש: "לפייסו בממון".

שטעלט זיך גלייך די שאלה: ווי איז שייך זאגן שוחד בא דעם אויבערשטן? און פארוואס באווארנט ניט רש"י די שאלה?

ס'איז קיין שאלה ניט ווי מ'קען בכלל געבן ממון צו דעם אויבערשטן - ווארום מ'האט שוין געלערנט אז דער אויבערשטער האט געזאגט "ויקחו לי תרומה" (תרומה כה, ב), וואס "לי" מיינט "לשמי" (פרש"י שם). ד.ה. דורך דערויף וואס מ'גיט דער ממון אלס א נדבה צו דעם משכן פון דעם אויבערשטן, ועד"ז דורך דערויף וואס מ'גיט צדקה בכלל - איז דאס אזוי ווי מ'גיט די ממון צו דעם אויבערשטן אליין.

במילא איז קיין שאלה ניט ווי מ'קען געבן דעם אויבערשטן ממון;

די שאלה איז נאר ווי איז שייך זאגן אז מ'קען געבן שוחד צו דעם אויבערשטן, ן אים דערמיט "אפקויפן" אז ער זאל ניט מעניש זיין איינעם וואס קומט אן עונש, דער איינשטאט מעניש זיין אים, גיט ער אים א שכר?!

וואס דערפאר זיינען פשטני המקרא (ועד"ז אויך דער רמב"ם אין פירוש המשניות) מפרש, אז שוחד בא דעם אויבערשטן מיינט, אז מ'טוט א מצוה וואס דורך דערויף איז מען גורם א נחת רוח בא דעם אויבערשטן, ע"ד גוי קרבנות בכלל וואס זיינען א "נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני", און דורך דערויף וויל מען כביכול "אפקויפן" דעם אויבערשטן.

קומט דער פסוק און זאגט "ולא יקח שוחד" - אז אזא שוחד וועט דער אויבערשטער אויך ניט נעמען.

רש"י אבער טייטשט ניט אזוי אין פסוק, ער טייטשט אז "ולא יקח שוחד" מיינט שוחד פון ממון כפשוטו, "לפייסו בממון" -

דארף מען פארשטיין: פארוואס רש"י טייטשט ניט ווי די אנדערע פשטני המקרא, און ווי זועט רש"י פארענטפערן די שאלה ווי איז שייך דער ענין פון שוחד בא דעם אויבערשטן?

מ'דארף אויך פארשטיין: פארוואס איז רש"י ניט מפרש אז שוחד בא דעם אויבערשטן איז דער ענין התפלה, וואס דער בן חמש למקרא ווייסט אז תפלה פועל'ט בא דעם אויבערשטן?

און די גרעסטע שאלה איז:

פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק די ווערטער "ולא יקח", און ער איז מפרש אז דאס מיינט "לפייסו (בממון)" - לכאו' איז דאס א דבר הפשוט אז דער "יקח" איז בכדי לפייסו; רש"י האט נאר געדארפט זאגן זיין חידוש, אז "שוחד" דא מיינט "ממון", רש"י האט געדארפט מעתיק זיין פון פסוק נאר דעםווארט "שוחד" און זאגן "בממון"?

וכפי שיתבאר לקמן.

בג. אין די הערות אויפן זהר בפרשתנו, שטעלט ער זיך (לקוטי לוי"צ לזח"ג ע' תנח) אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר (ח"ג רעא, א) "ברוך דא רזא דמקורא עילאה מכלא לארקא ולאמשכא ולאנהרא כל בוצינין",

און ער איז מבאר אז די ג' לשונות, "לארקא" "לאמשכא" און "לאנהרא" זיינען פארבונדן מיט ספירת החכמה, וואס חכמה איז דער יו"ד שבשם, "שלש בזה ג' בחי' והוא הג' אותיות יו"ד, י' נקודה, ו' קו, ד' שטח", און דאס זיינען די ג' לשונות "לארקא מי', ולאמשכא מו' כי ו' הוא המשכה, ולאנהרא מד' כי הארת אור הוא בהתפשטות והיינו שטח".

דארף מען פארשטיין:

אין שאר המקומות אין חסידות אין מען מבאר אז אות ה' איז דער ענין פון שטח, און ווי מ'איז מבאר בנוגע צו די ד' אותיות פון שם הוי', אז דער י' איז ספירת החכמה, דער ה' ראשונה איז ספירת הבינה, דער שטח פון ספירת החכמה (פון דעם י'), און דער ו' איז ז"א, און דער ה' אחרונה איז ספירת המלכות, דער שטח פון ז"א (פון דעם ו').

משא"כ דא אין דער הערה, איז ער מבאר אז דער אות ד' איז דער ענין השטח.

און ס'איז זעלבסטפארשטענדליך אז די אלע תביעות וואס דער בן חמש למקרא מאנט בא עלטערע, דארף ער במיוחד מאנען בא זיינע עלטערן, און בא זיינע באבע'ס און זיידעס.

און כמובן דאס דארף זיין מיט כיבוד אב ואם, וואס דאס איז דאך א מצוה שכלית, כמבואר אין ספרי טעמי המצוות, אז וויבאלד זיינע עלטערן האבן אים אזויפיל טובות און גוטס געטאן, איז מצד הכרת טובה דארף דער קינד זיי מכבד זיין, ועד"ז בנוגע צו כבוד זקנו [וואס דאס איז דאך מדרבנן, אדער אפילו מדרבנן אויך ניט].

נט. די הוראה האמורה לעיל איז בעיקר בנוגע צו א בן חמש כפשוטו בשנים; דאס איז אבער אויך בולל א בן חמש בידיעות, און א בן חמש בהרגש.

וואס דער ענין פון א בן חמש בהרגש איז, אז ער הערט וואס מ'רעדט, און עס לייגט זיך ביי אים אז דאס איז א אמת'ע זאך און א ריכטיקע זאך און א געשמאקע זאך, און בשעת מ'איז מבאר א רמב"ם פארשטייט ער דאס, און ס'איז ביי אים געשמאק, מיט אלע גוטע זאכן, און ער חזר'ט איבער וואס מ'רעדט, און ער פארצייכנט דאס, און לייגט דאס אויפן פאליצע, און בארגט עס צו קיינעם ניט טאמער עס וועט זיך צורייסן.

אבער צי דען מיינט מען אים מיט דעם רעדן - דאס ניט! ווארום ער איז א בן חמש בהרגש, ער שפילט זיך מיט זיינע שטותים (אפילו ניט דברי רשות, נאר שטותים), וואס דעמאלט איז ער א בן חמש **למקרא** אויך ניט!

דארף ער וויסן אז מ'מיינט אויך **אים**! אז ער זאל טאן אין די אלע ענינים המדוברים לעיל.

ס. בהמשך לזה וואס די קינדער האבן פריער געזאגט לחיים - זאלן זיי זאגן נאכאמאל לחיים, וועט עס זיין "כפליים לתושי'".

און זיי זאלן אויך זינגען א ניגון שמח.

און דער עיקר - אז מ'זאל זיי מסביר זיין, אז עס דארף זיין "והשיב לב אבות על בנים", זיי דארפן פועל'ן אויף זייערע עלטערן, און אויף זייערע זיידעס און באבעס, און אויף ערוואקסענע אידן בכלל, און אויך פועל'ן אויף זייערע עלטערן אז די עלטערן זאלן פועל זיין נאכמער אויף די קינדער אין אלע עניני תומ"צ.

און אלע צוזאמען, די קינדער, די עלטערן, די מוטערס מיט די פאטערס, די זיידעס מיט די באבעס, און כל עם ישראל, וואס כל ישראל קרובים הם - וועלן גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו, ובשמחה וטוב לבב.

* * *

סא. דער ביאור אין פירוש רש"י וועט מען פארשטיין ע"פ המדובר כמ"פ, אז רש"י לערנט דעם פסוק ע"פ פשוטו של מקרא:

"ולא יקח שוחד" קומט גלייך נאכדעם וואס עס שטייט אין דעם פסוק אז דער אויבערשטער איז "לא ישא פנים".

וואס דער באווארעניש אז דער אויבערשטער איז "לא ישא פנים" איז דאך ניט אז וויבאלד יענער האט שיינע קליידער, אדער א סאך געלט, אדער גרויסע הייזער, איז דא א הו"א אז דער אויבערשטער וועט נושא פנים זיין צו אים, באווארנט דער פסוק אז "לא ישא פנים" -

ווארום ס'איז דאך פארשטאנדיק אז ס'איז ניטא קיין הו"א צו זאגן אז וויבאלד איינער האט שיינע קליידער וכיו"ב, זאל דער אויבערשטער נושא פנים זיין צו אים!

נאר דער פירוש אין דעם איז בפשטות, אז וויבאלד יענער טוט גוטע זאכן, ער טוט מצוות וכיו"ב, וואס דערפון האט דער אויבערשטער נח"ר, וואלט געווען א הו"א אז אפשר קען דאס גורם זיין אז דער אויבערשטער זאל נושא פנים זיין צו דעם וואס טוט די מצוות - באווארנט דער פסוק אז "לא ישא פנים".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס וואס דער פסוק באווארנט דערנאך אז "לא יקח שוחד" מיינט עס ניט אז דער אויבערשטער נעמט ניט אן ענין פון מצוות אלס שוחד (ווי די פשטני המקרא לערנען) - ווארום דאס קומט דאך באווארענען "לא ישא פנים", אז דער אויבערשטער איז ניט נושא פנים צו איינעם דערפאר וואס ער איז מקיים מצוות (כנ"ל).

וואס נשיאת פנים איז וויניקער ווי נעמען שוחד: דער ענין פון שוחד איז, אז ראובן קומט שמעון עפעס, און דורך שוחד פועל'ט מען אויף דעם דיין אז ער זאל זאגן אז ראובן קומט עס ניט צו שמעון, אדער אז שמעון קומט גאר ראובן עפעס; עד"ז אויב עס קומט איינעם ע"פ דין א עונש, טוט אויף דער ענין השוחד אז מ'זאל פון אים אראפנעמען דעם עונש, אדער אים געבן גאר א שכר; משא"כ דער ענין פון נשיאת פנים איז מערניט אז ער איז א ביסל מוותר פאר יענעם.

איז מה-דאך אז דורך דערויף וואס איינער טוט א מצוה זאגט דער פסוק אז "לא ישא פנים", אז דער אויבערשטער וועט אפילו ניט נושא פנים זיין צו אים - איז עאכו"כ אז "לא יקח שוחד", אז דורך דערויף קען ער ניט משחד זיין דעם אויבערשטן.

סב. וואס דערפאר קען רש"י ניט טייטשן (ווי די פשטני המקרא טייטשן) אז "לא יקח שוחד" מיינט אז דער אויבערשטער ווערט ניט משוחד דערפון וואס מ'וועט טאן זיינער א מצוה.

מוז רש"י געפינען א צווייטער טייטש אין "לא יקח שוחד", און א טייטש וואס איז מוסיף נאך אן ענין אויף "לא ישא פנים" וואס שטייט פאר דערויף.

וואס דערפאר קען "שוחד" דא ניט מיינען שוחד כפשוטו, ווי עס מיינט אין אנדערע ערטער, אז דאס איז "יעור פקחים גו'" (משפטים כג, ח) און איז משנה דעם דין ווי עס דארף זיין - ווארום נוסף לזה וואס דא רעדט זיך וועגן דעם אויבערשטן וואס אויף אים איז ניט שייך זאגן אזא מין שוחד ח"ו, וואס צוליב דעם דארף מען שולל זיין אז "לא יקח שוחד" - איז אויך אז וויבאלד דאס קומט בהמשך צו "לא ישא פנים", מוז מען דאך זאגן אז דאס איז מוסיף א דבר חדש אויף "לא ישא פנים",

אויב מ'וועט אבער זאגן אז "לא יקח שוחד" מיינט אז ער נעמט ניט קיין שוחד כפשוטו - איז מאי קמ"ל: מה-דאך אז "לא ישא פנים" אפילו אז מ'טוט א מצוה, וואס נושא פנים זיין איז וויניקער ווי לקיחת שוחד, איז עאכו"כ אז "לא יקח שוחד", כנ"ל.

סג. זאגט רש"י אז דא מיינט "לא יקח שוחד" טאקע ניט שוחד כפשוטו, נאר "לפייסו בממון":

בנוגע צו דעם ווארט "שוחד" טייטשט דאס רש"י "ממון" ווי דער טייטש אין דעם איז ברוב המקומות, אין דעם באשטייט אבער ניט דער חידוש פון רש"י;

דער חידוש פון רש"י איז אז דא שטייט אין פסוק די ווערטער "לא יקח", וואס דערפון נעמט ארויס רש"י אז די כוונה פון דעם שוחד דא איז ניט שוחד כפשוטו, נאר

"לפייסו בממון", און דער פסוק איז דאס שולל און זאגט אז אויך דאס קען מען ניט אולפטאן בא דעם אויבערשטן, ווארום "לא יקח שוחד".

והביאור בזה:

בנוגע צו א "מכה נפש בשגגה" וואס ער דארף אנטלויפן אין ערי מקלט שטייט פריער אין פ' מסעי (לה, לא-לב) אז "ולא תקחו כופר לנפש רוצח", און רש"י טייטשט אפ "לא יפטר בממון", ד.ה. אויב דער מכה נפש בשגגה וויל פארבייטן זיין עונש מיט אפצאלן געלט צו די וואס זיינען געשעדיגט געווארן, לדוגמא - ווי איינער וואס צאלט אפ דער נזק, צער, ריפוי, שבת און בושת וואס ער האט גורם געווען - זאגט דער פסוק "ולא תקחו כופר", אז ער קען דאס ניט טאן, נאר ער דארף בלייבן אין ערי מקלט, אדער גיין אין ב"ד.

עד"ז איז רש"י מדייק אין אונזער פסוק (פארלאזנדיק זיך אז מ'געדענקט וואס מ'האט געלערנט אין פ' מסעי), אז "לא יקח שוחד" מיינט ע"ד ווי "ולא תקחו כופר" (ניט אז ער וויל משחד זיין דעם אויבערשטן כפשוטו, אז ער זאל אים מוחל זיין אויף דעם עונש וואס עס קומט אים, אדער פארבייטן דעם עונש מיט א שכר, נאר) אז ער וויל דעם אויבערשטן "מפייס" זיין בממון, ער וויל **פארבייטן** דעם עונש מיט ממון, און דערמיט מפייס זיין דעם אויבערשטן אז ער זאל אראפנעמען דעם עונש, ע"ד ווי דער מכה נפש (אין פ' מסעי) וויל געבן כופר און דערמיט פארבייטן זיין עונש אויף ממון, ד.ה. אז אזוי ווי דער אויבערשטער איז "הא-ל הגדול הגבור והנורא" (ווי עס שטייט פריער אין אונזער פסוק), וויל ער מפייס זיין דעם אויבערשטן מיט ממון און דערמיט אראפנעמען דעם "והנורא" -

זאגט דער פסוק אז "לא יקח שוחד": אפילו אזא מין "שוחד", וואס מ'וויל פארבייטן דעם עונש מיט ממון און דורך דערויף מפייס זיין דעם אויבערשטן אז ער זאל אים מוחל זיין אויף דעם עונש - נעמט אויך ניט דער אויבערשטער.

סד. בהמשך להנזכר לעיל וועגן ב"ד און סנהדרין איז כאן המקום צו מבאר זיין דאס וואס מ'האט ניט מבאר געווען (בשיחת ש"פ דברים, שבת חזון) אין דעם פירוש רש"י אין פ' דברים אויפן פסוק (א, ו) "רב לכם שבת בהר הזה".

וואס רש"י שטעלט זיך אויף די ווערטער פון פסוק און זאגט (אין דעם צווייטן פירוש): "הרבה גדולה לכם ושכר על ישיבתכם בהר הזה, עשיתם משכן מנורה וכלים, קבלתם תורה, מניתם לכם סנהדרין שרי אלפים ושרי מאות".

האט מען נאך ניט מבאר געווען פארוואס זאגט רש"י נאר "שרי אלפים ושרי מאות": אין פסוק (יתרו יח, כא) שטייט אויך "שרי חמשים ושרי עשרות" - האט רש"י אדער געדארפט אויסרעכענען אלע פיר סוגים, "שרי אלפים שרי מאות שרי חמשים ושרי עשרות", ווי עס ווערט טאקע אויסגערעכנט אין ספרי דא, אדער ער האט געדארפט זאגן "שרי אלפים **וגו'**"?

סה. איז דער ביאור בזה - ובהקדם:

אין דעם פסוק שלפנ"ז דארטן איז רש"י מבאר דאס וואס עס שטייט "הואיל משה באר את התורה" - "בשבעים לשון פירשה להם".

ולכאו' צריך להבין: אויב עס דארף זיין "בשבעים לשון פירשה להם" - האט ער דאך דאס געדארפט טאן גלייך נאך מתן תורה?

נאר די הסברה בזה איז מובן בפשטות: נאך מ"ת האבן אידן ניט געדארפט האבן דעם פירוש פון תורה "בשבעים לשון"; נאר פאר זייער ארייננגיין אין ארץ ישראל וואו עס זיינען געווען די "ז' אומות", וואס הגם עס דארף זיין "לא תחי' כל נשמה", זיינען דאך געווען עבדים ביי אידן פון אנדערע פעלקער וכו' - ובמילא האט